# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת משפטים

## יום שַׁבָּת קוֹדֶש

### זְמַן תְּפִלַּת שַׁחֲרִית בְּשַׁבָּת

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שָׁלוֹם אֱלִיעֶזֶר האלבערשטאם זי"ע איז געווען שַׁבָּת פָּרָשַׁת קֹרַח שְׁנַת תרצ"ו לפ"ק אין שְׁטָאט פאפא, ווערט דערציילט אז הָרַב הַקָּדוֹשׁ בַּעַל וַיַּגֵּד יַעֲקֹב זַצַ"ל אבד"ק פאפא איז פרייטאג נאכמיטאג נָאךְ די מִקְוֶה אריבערגעגאנגען צוּ דעם חָשׁוּב'ן גאסט, און הָאט אִים געפרעגט: ווען וויל דער רַבִּי אז מען זאל מארגן שַׁבָּת אינדערפרי קוֹבֵעַ זיין דעם זְמַן פון אנהייבן תְּפִלַּת שַׁחֲרִית.

**הָאט** הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שָׁלוֹם אֱלִיעֶזֶר האלבערשטאם זי"ע אִים געענטפערט: אז הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַחוֹזֶה מִלּוּבְּלִין מְזַהֵז זי"ע הָאט שוין געזאגט אז שַׁבָּת שטעלט מען זיך דאווענען נֵיין אזייגער. **מובא בספר משפטיך ליעקב בהקדמה**

**מרן הגה"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע** הָאט געזאגט: אז ביים טאטע'ן דער בַּעַל קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב זי"ע איז געווען איינגעפירט א קְבִיעוּת מען זאל שַׁבָּת צוּפְרִי אנהייבן דאווענען תְּפִלַּת שַׁחֲרִית נֵיין אזייגער, אבער איך בין נוֹטֶה אז אין אַלֶע מיינע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זאל מען אנהייבן דאס דאווענען האלב נָאךְ נֵיין, כְּדֵי מען זאל אנפילן דעם זְמַן פון פאַרן דאווענען מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה, ער פלעגט שְׁטֶענְדִיג אויף דעם מְזַהֵז זיין וּבִפְרָט שַׁבָּת צוּפְרִי איז דער זְמַן גאר חָשׁוּב מען זאל קוֹבֵעַ זיין שִׁיעוּרִים אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ און לערנען.

**עס** ווערט דערציילט אז אמאל איז א בַּעַל מְלָאכָה געקומען עפעס פאררעכטן ביים רַבִּי'ן און שְׁטוּב, נאכדעם וואס ער הָאט געענדיגט הָאט דער רַבִּי זי"ע אויסגעפרעגט עטליכע עִנְיָנִים, צווישן אנדערן איז אויך אויסגעקומען צורעדן פון דעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואו ער דאווענט, ער הָאט אויך דערציילט אז מען דאווענט פְּרִי יעדן שַׁבָּת, און עס בלייבט אִים א גרויסער שַׁבָּת נאכמיטאג און ער הָאט צייט צוּ גֵיין שפאצירן יעדן שַׁבָּת אויף די גאס.

**דער** רַבִּי זי"ע הָאט נאכדעם געזאגט אז דאס איז אויך פון די סִיבּוֹת וואס ער קומט אֲרֵיין שפעט צוּ שַׁחֲרִית דאווענען, עס זאל נישט בלייבן פאַר'ן עוֹלָם קיין צייט שַׁבָּת נאכמיטאג צוּ שפאצירן אין די גאַסן. **שמעתי**

**דער** בְּנֵי יִשָּׂשכָר ברענגט אין נָאמֶען פון הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שמעלקא זי"ע דעם טַעַם אז דערפאר האבן אונזערע רַבִּי'ס מְתַקֵּן געווען אין גָּלוּת אין אַלֶע תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל אז מען דאווענט לְכַתְּחִלָּה נאכן סוֹף זְמַן תְּפִלָּה, כְּדֵי די תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן זאלן קוֹדֶם שפאלטן די לופט פאַרן דאווענען, ווייל די לופט אינדערפרי איז אנגעפילט מִיט קְלִיפּוֹת, און דורך די הֶבֶל פִּיהֶם פון די תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן שפאלטן זיי אדורך די לופט דאס צו ריינינגן אז אונזערע תְּפִלּוֹת זאלן קענען ארויף גֵיין אין הִימֶל.

**אויך** ברענגט דער בְּנֵי יִשָּׂשכָר אז מען הָאט נאכגעזאגט דעם טַעַם פאר הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַחוֹזֶה מִלּוּבְּלִין זי"ע און ער הָאט געלויבט דעם טַעַם.

**דברים נחמדים חידושים נפלאים אות כ"א**

### גריסן שַׁבָּת אינדערפרי

**דער** של"ה הקדוש ברענגט: איך האב מְקוּבָּל אז ווען מען גייט שַׁבָּת אינדערפרי באזוכן איינעם, זאל ער אִים נישט גריסן א גוט-מארגן, אזוי ווי מען גריסט אינדערוואכן, נאר מען זאל גריסן א גוט שַׁבָּת, כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זיין די מִצְוָה פון זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ. **משנה ברורה סי' ש"ז סק"ה**

**נָאךְ** א טַעַם קען מען זאגן לויט ווי מען זאגט נָאךְ אז דערפאר באגריסט מען דעם חָבֵר יעדן טאג אינדערפרי מִיט דעם לָשׁוֹן א גוט מארגן און מען זאגט נישט דעם לָשׁוֹן א גוט היינט ווייל מען וויל דערמִיט מְרַמֵּז זיין פאר זיין חָבֵר דעם כְּלָל [דברים

# יום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

ז׳ י״א ברש״י] הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם וּלְמָחָר לְקַבֵּל שְׂכָרָם היינט אויף דער וועלט דארף מען מְקַיֵּים זיין וואס מער מִצְוֹת, כְּדֵי אויף יענע וועלט זאל מען קענען דעגרייכן דעם גוּטְן שְׂכַר, דעריבער זאגט מען א גוט מארגן ד. מ. די אַלֵיין דארפס זעהן אז דֵיין מארגן זאל זיין א גוטער.

**דאס** איז נאר א גאנצע וואָך, אבער אז עס קומט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וואס איז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא איז דאך דער שַׁבָּת א טאג וואס מען באקומט שְׂכַר אֲפִילוּ אויף דער וועלט, דעריבער וואונטשט מען שוין א גוט שַׁבָּת אז מען זאל זוֹכֶה זיין צוּ באקומען דעם שְׂכַר אויף דער וועלט. **פקודת אלעזר**

## טְבִילָה שַׁבָּת אינדערפרי

**שַׁבָּת** איז די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שַׁ׳בָּת בַּ׳בֹּקֶר תִּ׳טְבּוֹל, שַׁבָּת אינדערפרי זאל מען זיך טוֹבֵל׳ן. שַׁבָּת זאל מען זיך טוֹבֵל׳ן אין א מִקְוֶה, שַׁ׳בָּת בְּ׳מִקְוֶה תִּ׳טְבּוֹל לְכָבוֹד שַׁבָּת זאל מען זיך טוֹבֵל׳ן. **רמזי שבת**

**שטייט** פון אריה״ק אז שַׁבָּת אינדערפרי איז דער קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת אויף א העכערע מַדְרֵיגָה ווי דער קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת פון פרייטאג צוּ נאכטס, דערפאר זאל מען זיך טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי אין א מִקְוֶה, ווייל פונקט ווי מען טוֹבֵל׳ט זיך עֶרֶב שַׁבָּת צוליב דער קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת איז אפגעטיילט פון די וואכן טעג, דאס זעלבע איז שייך שַׁבָּת אינדערפרי ווי דער קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת איז א העכערע קְדוּשָּׁה פון די קְדוּשָּׁה פון פרייטאג צוּ נאכטס, דעריבער זאל מען זיך טוֹבֵל׳ן, ווייל מען גייט אריבער פון א קלענערע קְדוּשָּׁה צוּ א העכערע קְדוּשָּׁה.

**שו״ע של האר״י הק׳ דיני שחרית של שבת אות א׳**

**אויך** שטייט אין סִידּוּר הרש״ש, אז וויבאלד דאס טוֹבֵל׳ן פון שַׁבָּת אינדערפרי איז נאר ווייל ווייל מען גייט פון א קלענערע קְדוּשָּׁה צוּ א העכערע קְדוּשָּׁה, דערפאר דארף מען זיך נאר אֵיין מאהל טוֹבֵל׳ן כְּדֵי מען זאל מַמְשִׁיךְ זיין אויף זיך די העכערע קְדוּשָּׁה. **כף החיים סי׳ ר״ס סק״ו**

**לויט** די רייד פון האריה״ק זי״ע איז דאס א מִצְוָה אז מען זאל זיך טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי פאַרן דאווענען, דעריבער ווער עס איז עוֹבֵר דערויף מעג מען אִים אנרופן אַן עֲבַרְיינָא, וויבאלד אַלֶע זיינע רייד אֲפִילוּ א קלייניקייט איז נאר וואס ער האָט געהערט פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין. **שולחן הטהור קאמארנא סי׳ ר״ס ס״ז**

**דאס** טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי איז אזוי חָשׁוּב, אז דאס איז גלייך אזוי ווי די טְבִילָה פון דעם כֹּהֵן גָּדוֹל וואס האָט זיך ג׳טוֹבֵל׳ט יוֹם הַכִּפּוּרִים.

**זכור ושמור בשם ומהר אברהם שכ׳ בשם קדמון א׳**

**די** גְמָרָא זאגט אז די מִצְוָה פון שַׁבָּת זענען די אידן באפוילן געווארן איידער מַתַּן תּוֹרָה נָאךְ ווען זיי זענען געווען אין מָרָה, אויך זאגט די גְמָרָא [שבת] אז די אידן האבן זיך ג׳טוֹבֵל׳ט איידער זיי האבן מְקַבֵּל געווען די תּוֹרָה, און וויבאלד יעדער האלט אז אום שַׁבָּת האָט מען געגעבן די תּוֹרָה קומט אויס אז זיי האבן זיך ג׳טוֹבֵל׳ט שַׁבָּת אינדערפרי, האבן מִיר דערפון א ראי׳ אז מען מעג זיך טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי.

**און** נישט נאר דעמאלס בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה האָט מען זיך געמעגט טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת, נאר אֲפִילוּ יעדן שַׁבָּת מעג מען לויט דעם זיך טוֹבֵל׳ן, וויבאלד די גְמָרָא זאגט אז יעדן טאג זאל די תּוֹרָה זיין ווי נייע, און שְׁטֶענְדִיג ווען מען לייענט קְרִיאַת הַתּוֹרָה דארף דער וואס הערט דאס לייענען טראכטן ווי גלייך ער שטייט בֵּיים בְּאַרְג סִינַי און הערט די תּוֹרָה פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, [עי׳ פרמ״ג במ״ז באו״ח סי׳ קמ״ו] דעריבער איז גלייך אז מען טוֹבֵל׳ט זיך שַׁבָּת אינדערפרי. וואויל איז דער וואס הערט זיך צוּ, צוּ מִיר. **זכור ושמור בשם ספר תפארת יעקב**

**טייל** פירן זיך צוּ טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי זיבן מאהל, א רֶמֶז אויף די זיבן מענטשן וואס זענען עוֹלֶה לְתּוֹרָה שַׁבָּת, אויך א רֶמֶז אויף שַׁבָּת וואס איז דער זיבעטער טאג פון דער וואָך. **כף החיים**

**שטייט** אין די הייליגע סִפְרֵי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אז דער בַּעַל שֵׁם טוֹב האָט געזאגט אז פאַרן זיך טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי באקומט מען מער שְׂכַר ווי פאַרן זיך טוֹבֵל׳ן עֶרֶב שַׁבָּת.

**פריער׳דיגע** צַדִּיקִים פלעגן זאגן: מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת איז כְּדַאי צוּ גֵיין צוּ פיס אֵיין מִיל, און צוּ גֵיין אין מִקְוֶה שַׁבָּת בייטאג וואלט כְּדַאי געווען צוּ גֵיין צוּ פיס דריי מִיל, ווען מען וואלט געמעגט גֵיין אויסער דעם תְּחוּם שַׁבָּת.

**בית אהרן**

**איך** האב געהערט פון מיין רַבִּי׳ן הרה״ק בעל שו״ת משפטיך ליעקב אבד״ק פאפא זי״ע אין א דְּרָשָׁה וואס ער האָט געזאגט דִּבְרֵי מוּסַר פאר זיינע תַּלְמִידִים: איך קען נישט פארשטיין ווי אזוי איז מעגליך צוּ שפירן א טַעַם בִּשְׁעַת מען זאגט די תְּפִלָּה פון ׳נִשְׁמַת כָּל חַי׳ אויב האָט מען זיך נישט גע׳טוֹבֵל׳ט פאַרן דאווענען שַׁבָּת אינדערפרי.

**מכתב הג״ר דוד מאשקאוויטש מבאנהאד, טהרת השבת ח״א עמ׳ כ״ו**

**כ״ק** מרן הרה״ק מסאטמאר בעל ויואל משה זי״ע האט געזאגט אז א שַׁבָּת אן קיין טְבִילָה איז קיין שַׁבָּת נישט, דעריבער זאל יעדער זיך אנשטרענגן זיך צו טוֹבֵל׳ן שַׁבָּת אינדערפרי אין מִקְוֶה. **שמעתי**